א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

## פרשת ויצא

## בנתיבות אמונים

פון די טיפקייט פון די פרשה אין די ענינים פון אמן און תפילה

### לויבן אויף א קליינע זאך פונקט ווי אויף א גרויסע

די גדולי המוסר פרעגן זייער א שטארקע קשיא אין אונזער פרשה: נאך וואס יוסף איז געבוירן האט רחל געלויבט דעם אויבערשטן מיטן זאגן (ל כג) "אָסַף אֱלֹקִים אֶת חֶרְפָּתִי", ברענגט רש"י וואס חז"ל זאגן (ב"ר עג ה) אז ביז ווען א פרוי האט א קינד איז די שולד אין שטוב אויף איר, נאך וואס זי האט שוין א קינד לייגט זי עס ארויף אויפן קינד, ד.מ. אז אויב עפעס צוברעכט זיך אין שטוב א.ד.ג. באשולדיגט דער מאן זיין פרוי, און פון ווען זיי האבן שוין א קינד טוהן זיי אים באשולדיגן.

און די קשיא איז זייער שווער: האט דען רחל נישט געטראפן אין די טייערע צייט אויף וואס צו לויבן, נאך אזויפיל יארן פון ווארטן, ווען ענדליך האט זי זוכה געווען צו ערוויקליכן איר וואונטש און אויפשטעלן א שבט אין כלל ישראל, נאר צו לויבן אויף אזא נישטיגע זאך - אויף דעם וואס פון יעצט און ווייטער ווען עפעס וועט צובראכן ווערן וועט מען נישט אנהענגען די שולד אין איר?!

טאקע אזוי! האט געענטפערט **רבי אשר קלמן בארון**, דער מנהל רוחני פון ישיבה אין פאנאוויטש אין ליטא, דווקא אזוי מעסט זיך דעם גרויסקייט פון א מענטש, כאטש דער גרויסער און מעכטיגער נס וואס האט פאסירט מיט אים, פארגעסט ער נישט צו לויבן אויך אויף די קלייניקייטן.

ווען מיר שפירן א גרויסער און א וואונדערליכער נס, וועלן מיר קיינמאל נישט פארגעסן צו דאנקען און לויבן אויף דעם, אבער רחל האט אונז אויסגלערנט אז אויך פון די 'קליינע' נסים וואס פאסירן אסאך מאל אין א טאג טארן מיר זיך נישט פארהוילן און פארגעסן פון צו לויבן אויף זיי! ('מוסר ודעת' עמ' קנה)

#### די חשיבות פון די ברכה 'הנותן לשכוי'

ענליך צו דעם יסוד ערקלערט דער **אלטער פון סלאבאדקא** א שוועריקייט אויף די ברכה וואס מיר זאגן עס אינדערפריה אנהויב פון די ברכות השבח: "אשר נתן לשכוי בינה להבחין בין יום ובין לילה".

די לויב אויף די גרעסטע מתנה וואס מיר האבן באקומען, אויף דעם שכל און פארשטאנד וואס דער באשעפער האט אונז געשאנקען, וואלט מען געקענט ארויס ברענגען אין איינס פון די סאך איינצעלהייטן וואס ווייזן די מעלה פון דער שכל, צ.ב.ש. אריינקלערן אין תורה, צי די חכמה וואס איז באהאלטן אינעם אויסשטעלן די גאנצע קערפער זאל קענען פונקציאנירן א.ד.ג..

די נידעריגסטע טייל - לכאורה - איז דאס קענען אונטערשיידן צווישן די ליכטיקייט פונעם טאג צו דעם פינסטער פונעם נאכט, אז אפילו אזא שוואכע באשעפעניש ווי דער הינדל קען עס אויך אונטערשיידן, אויב אזוי פארוואס האבן די חכמים באשלאסן צו דערמאנען פונקט די פרט ביי די נוסח פון די ברכה?

די ענטפער אויף דעם, האט דער אלטער געזאגט, קענען מיר זיך לערנען פון די נוסח 'ברכת הגשמים' וואס מיר לויבן אויף 'רעגן' (ברכות נט ב): "מודים אנחנו לך **על כל טיפה וטיפה** שהורדת לנו", [מיר לויבן דיר **אויף יעדע טראפ און טראפ** וואס דו האסט אראפגעברענגט פון אויבן], און האט ערקלערט:

דער שכל איז טאקע דער שטערקסטער זאך, וואס מ'קען עס אינגאנצן נישט ערקלערן, אבער ווען מיר לויבן אויף דעם דארפן מיר געדענקען אז עס איז צוזאם געשטעלט פון אן א צאל 'טראפן' פון פארשטאנד וואס אויף יעדע איינס פון זיי דארפן מיר עקסטער לויבן, וועגן דעם וועלן מיר אויס צו לויבן דוקא אויף דעם פונקט וואס זעהט אויס וואו זייער איינפאך כדי דאס צו דערמאנען ביי די ברכה ('להודות ולשבח' עמ' קעז).

#### ווי שטארק האט זיך דער בעל הבית געפלאגט פאר מיר

מיט דעם קענען מיר אויך פארשטיין וואס חז"ל זאגן (ברכות נח א): "א גוטער גאסט זאגט - ווי שטארק האט זיך דער בעל הבית געפלאגט פאר מיר, וויפיל פלייש האט ער מיר געברענגט, וויפיל וויין האט ער מיר געברענגט, וויפיל גוטע קוכן האט ער מיר געברענגט, און אלעס וואס ער האט זיך געפלאגט - האט ער זיך נישט געפלאגט נאר וועגן מיר...".

לערנען מיר זיך פון דעם אז דאס צולייגן די קאפ אויף די 'קליינע איינצעלהייטן' דאס איז דער אונטערשייד פון דער 'גוטער גאסט' צו דעם 'שלעכטן גאסט', און לויט דעם - דווקא מיט דעם לויבן אויף די קליינע איינצעלהייטן ווערט געמאסטן דער גרויסקייט פון א מענטש (ע"פ 'ספר החיים' פרנסה וכלכלה פ"ג).

דער הויפט פון די מוסר-באוועגונג **רבי ישראל סאלאנטער**, וואס איז געווען באקאנט פון זיין אפגעהיטנקייט צו לויבן און דאנקען דעם אויבערשטן אויף יעדע קלייניקייט, האט אמאל ערקלערט - פאר זיינע נאנטע - וואס האט אים צוגעברענגט צו די הנהגה, און אזוי האט ער דערציילט:

פאר יארן, ווען איך האב זיך אויפגעהאלטן אין פאריז, בין איך אנגעקומען צו א טייערן האטעל. מ'האט מיר דארט אנגעטראגן צו באקומען א גלאז קאווע, ווען איך האב זיך אינטערעסירט אויף דעם פרייז בין איך אינגאנצן פארוואונדערט געווארן אז אויף א גלאז וואס איר אמת'ע ווערד איז נאר עטליכע גרייצער וועל איך דארפן באצאלן זייער א טייערן פרייז.

נאר, עס זעהט אויס אז די פרייז איז נישט נאר אויף די גלאז קאווע, נאר אויך אויף די אלע געברויכן וואס דער שיינער האטעל שטעלט צו, צ.ב.ש. אויפהאלטן דאס פלאץ און זיין ריינקייט, די אויסגעשטעלטע מעבל, די פירהענגער, די ליכטיקייט, און נאך.

פון דעם האב איך זיך אפגעלערנט א געוואלדיגע דערהער, ווען מיר זאגן א ברכה אויף א גלעזל וואסער, דארפן מיר מכיר טובה זיין נישט נאר אויף דאס טרינקען אליינס, נאר אויך אויף די פיל גוטס וואס מאכט אונז מער איינגענעם צו לעבן אויף די וועלט און דערקוויקן די הארץ פון די באשעפעניש, די ערד אונטער אונזערע פיס טריט, די ריינע לופט, די גערוך פון די בלומען, און נאך אלע איינצעלהייטן וואס מאכן אזוי איינגענעם... ('טללי אורות' ביאורי תפילה ח"ג ברכת יוצר אור)

#### אויף יעדע אטעם

ענליך צו דעם קענען מיר אויך זיך לערנען פון די פשט וואס חז"ל (ב"ר יד ט) טייטשן דעם פסוק אין תהלים (קנ ו): "כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָ-הּ הַלְלוּיָ-הּ": "רבי לוי זאגט אין נאמען פון רבי חנינא, 'על כל נשימה ונשימה', אויף יעדע אטעם וואס א מענטש אטעמ'ט אריין דארף ער לויבן דעם באשעפער, אזוי ווי עס שטייט: 'כל הנשמה תהלל י-ה' - וואס ד.מ. כל **הנשימה** [ד.מ. אויף יעדע אטעם] תהלל י-ה".

און דאס איז דער לשון פונע **'אבן עזרא'** אין זיין פירוש אויף קהלת (ה א): "א מענטש דארף לויבן און דאנקען דעם גא-ט יעדע מינוט, ווייל דער אויבישטער'ס חסדים מיט אים איז יעדע מינוט - אים צו געבן לעבן, און ער זאל הנאה האבן פון די זאכן וואס ער שפירט; נאר ווייל דער מענטש איז באשעפטיגט מיט די וועלטליכע זאכן האט מען באשטימט א צייט ווען ער זאל דעמאלטס דאווענען, וואס דאס זענען צופריה, נאכמיטאג און ביינאכט".

אויף דעם נוסח שרייבט דער **'יסוד ושורש העבודה'** אין זיין אינהאלט'ס רייכע צוואה (סי' כו והלאה) נאך וואס ער שרייבט אויף זיך אז פון זיין יוגנט האט ער אכטונג געגעבן צו לויבן און דאנקען פארן באשעפער אויף יעדע זאך גרויס צי קליין וואס ער האט זוכה געווען, רעכנט ער אויס עטליכע ביישפילן צו דעם, און דא זענען פאר אייך א טייל פון זיי:

אויף די שיינע און באקוועמע הויז וואס ער האט, אויף די בריוון וואס זיינע קינדער האבן אים געשיקט און דארט שרייבן זיי פון זייער פרידן, אויף דעם וואס ער האט זוכה געווען צו שיינע בגדי שבת און אויך מכובד'יגע וואכעדיגע קליידער, אויף דעם וואס ער האט געהאט גענוג געלט צו קויפן פארשידענע זאכן וואס האבן זיך אים אויסגעפעלט טאג טעגליך, אויף דעם גוטן גערוך פון די טאביק, אויף דעם וואס אסאך מאל איז זיין גלאז אראפגעפאלן פון טיש און עס האט זיך נישט צובראכן, און נאך אסאך אזעלעכע 'קליינע' זאכן וואס דער מענטש האט יעדן טאג.

#### יעקב האט מגלה געווען פאר יוסף דעם סוד פון אמן

"עַתָּה קוּם צֵא מִן הָאָרֶץ הַזֹּאת" (לא יג)

דער **'מגלה עמוקות'** (פר' וישב) שרייבט אזוי:

"יוסף איז דער שומרביין טויער, און די טויערן עפענען זיך אין דעם זכות פון ענטפערן 'אמן', אזוי ווי חז"ל (שבת קיט ב) לערנען ארויס פון די פסוק (ישעיה כו ב) "פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמונים".

וועגן דעם איז יעקב אלט געווען 91 יאר וויפיל עס באטרעפט אמ"ן ווען דער אויבישטער האט אים געזאגט "קום **צא** מן הארץ הזאת", און דעמאלטס איז יוסף געבוירן געווארן און ער האט אים אויסגעזאגט דעם סוד פון אמ"ן...".

#### אנהויבן דעם טאג מיט לויבן און מיט אמונה

בעפאר מיר ענדיגן, ווען מיר צוריק גיין אויף א קורצע וויילע צו די ברכות השחר: דאס וואס די מסדרי התפילה האבן באשלאסן אנצוהויבן דעם טאג דווקא מיט די ברכות וואס מיר לויבן מיט דעם אויף די 'איינפאכע' און 'נאטורליכע' ניסים, קען מען באטראכטן ווי א שטארקע סימן צו לערנען אז אויסער די ספעציעלע ניסים, טארן מיר נישט זיך פארהוילן פון די צעהנדליגע ניסים וואס פאסירן יעדן טאג מיט אונז, נאר מיר דארפן זיי געדענקען און אכטונג געבן צו לויבן אויף זיי.

ווי פאסיג איז אז מיר זאלן זאגן די ברכות אויפן ריכטיגן וועג, אז דער חבר וועט ענטפערן אויף דעם 'אמן', ווייל עס איז נישט פאראן קיין בעסערע וועג פון דעם צו מחזק זיין און פארשטארקן אין אונז די ריכטיגע הכרה אין די שטענדיגע ניסים פונעם באשעפער וואס גיט אונז לעבן יעדע מינוט, און צו גלייבן אין דעם אויבישטער'ס פירונג צו דעם כלל און דער פרט.




"וִיִמָּלֵא כְבוֹדוֹ אֶת כֹּל הָאָרֶץ אָמֵן וְאָמֵן" (תהלים עב יט)

דער צדיק רבי אברהם דב פון אווריטש האט געטייטש (זיין יארצייט איז י"ב בכסלו תר"א):

**פארוואס שטייט צוויי מאל די ווארט 'אמן'? כדי צו לערנען אז די צוויי סארטן 'אמנים' - 'אמן' אויף די ברכות און 'אמן' אויפן קדיש, צוזאמען זענען זיי מייחד דעם אויבערשטנ'ס נאמען אויף די גאנצע וועלט.**

('בת עין' פקודי)

**לאמיר זיך אלע מחזק זיין מיטן ענטפערן אמן נאך די ברכות און די קדישים, און דורך דעם וועל מיר זוכה זיין אז ס'זאל שנעל מקויים ווערן "וימלא כבודו את כל הארץ" מיט די גאולה שלימה בקרוב בימינו - אָמֵן וְאָמֵן!!!**

# פניני אמונים

פערל ווערטער איבער אמן
און תפילה אין די פרשה פון די וואך

## דאווענען אויך אין א צייט פון פינסטער

"וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם" (כח יא)

רש"י ברענגט דעם מאמר חז"ל (ברכות כו ב): אז יעקב האט מתקן געווען מעריב - אזוי ווי עס שטייט 'וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן שָׁם', אין די ווארט 'פגיעה' איז טייטש תפילה...".

האט געזאגט הרה"ק **רבי שמואל פון סאכטשאב**: יעקב האט מתקן געווען מעריב ווען ער איז אנטלאפן פון עשו און ס'איז אים כמעט פארטונקלט געווען אויף די וועלט, און מיט דעם האט ער אריינעלייגט א כח אין זיינע קומענדיגע דורות אז אויך ווען מ'געפינט זיך אין א פינסטערניש, זאל מען זיך נישט מתייאש זיין פון רחמים; פונקט פארקערט, זיך אנגארטלען די איבעריגע כוחות, זיך שטארקן מיט תפילה צו השי"ת, ווייל אויך ווען אלעס ארום איז פינסטער - זענען די טויערן פון תפילה נישט פארשלאסן!

'שם משמואל' ויצא תרע"ד

## די מלאכים פון דאווענען גייען ארויף מיט די 'סולם' פון דאס קול

"וַיַּחֲלֹם וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה" (כח יב)

שרייבט **רבי יעקב בעל הטורים**: 'סולם' איז בגימטריה 'קול', אז דאס קול פון דאווענען איז דער לייטער וואס דורך דעם גייען ארויף אין הימל די מלאכים פון דאווענען. וועגן דעם פעלט זיך אויס כוונה ביים דאווענען, ווייל כדי די מלאכים זאלן קענען ארויף גיין פעלט זיך אויס אז די טרעפן פון דעם לייטער זאלן זיין גאנץ.

צו די אויבנדערמאנטע ווערטער לייגט צו דער גאון **רבי עקיבא סופר** דער פרעשבורגער רב: אין די פסוק איז מרומז א וויכטיגער ענין וועגן תפילה: כאטש וואס דער 'סולם מוצב ארצה' - ד.מ. אז רוב פון אונזערע בקשות זענען אויף גשמיות'דיגע ענינים, פון דעסוועגן 'וראשו מגיע השמימה' - דארף זיין אונזער כוונה לשם שמים, כדי מיר זאלן קענען דינען דעם באשעפער.

אויב מיר וועלן אזוי טוהן, זענען מיר פארזיכערט אז ס'וועט זיין 'מלאכי אלוקים עולים ויורדים בו' - זיי קומען אראפ צו נעמען אונזער תפילות און גייען צוריק ארויף עס דערלאנגען פארן אויבערשטער.

'דעת סופר'

## אכטונג געבן אויפן כבוד פון א הייליגע פלאץ

"וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ וַיֹּאמֶר אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה וְאָנֹכִי לֹא יָדָעְתִּי" (כח טז)

עס איז מורא'דיג, האט דער **אלטער פון סלאבאדקא** געשטויגט, ווי ווייט דארף מען אכטונג געבן נישט גרינג שעצן אין די כבוד פון א הייליגע פלאץ. יעקב אבינו וועקט זיך אויף פונעם וואונדערליכן חלום, וואו דארט האט מען אים געוויזן מורא'דיגע זאכן איבער דעם צוקונפט פונעם כלל ישראל אין די שפעטערדיגע דורות, אבער באלד ווען ער האט זיך אויפגעכאפט, האט אים ווי געטוהן אויף דעם וואס ער איז געשלאפן אין אזא הייליגע פלאץ, און ער רופט אויס, לויט רש"י'ס טייטש, "אויב וואלט איך געוואוסט אז די פלאץ איז אזוי הייליג, וואלט איך נישט געשלאפן אויף אזא הייליגע פלאץ".

'טוב הפנינים'

## עס איז אזוי נאכגעלאזט

"מַה נּוֹרָא הַמָּקוֹם הַזֶּה אֵין זֶה כִּי אִם בֵּית אֱלֹקִים" (כח יז)

**רבי אריה לייב עפשטיין**, דער בעל 'ספר הפרד"ס', איז אמאל געווען אויף א שבת אין אידישע שטעטל, ווען ער איז געגאנגען דאווענען אינעם שטאטישן שוהל האט ער באמערקט אז די ווענט האלטן ביים צוזאמפאלן פון אלטקייט און די רעגן טראפט אריין פון זיין צולעכערטן דאך.

אין אנהויב האט ער זיי געוואלט דן זיין לכף זכות, אפשר זענען זיי ארימעלייט און זיי האבן נישט די מעגליכקייט עס צו פארעכטן, אבער ווען ער האט זיך ארום געדרייט צווישן די אידישע הייזער האט ער געזעהן אז צווישן זיי זענען אויך דא שיינע הייזער מיט אלע באקוועמליכקייטן.

שבת צופריה, ווען ער איז מכובד געווארן צו זאגן א דרשה אין שוהל, האט ער געוואלט אויפפאדערן די מתפללים אויף די הארבקייט פון די ענין, האט אזוי געזאגט: ווען איך האב זיך ארום געדרייט צווישן די הייזער דא אין שטאט און איך האב געזעהן וויאזוי אלעס איז גוט געבויעט, אקעגן דאס בית המדרש וואס איז אזוי נאכגעלאזט, האב איך געזאגט צו מיר אז די ענטפער דערויף איז מרומז אין די ווערטער פון יעקב:

"מה נורא המקום הזה" - ווי מורא'דיג און שוואך איז דאס אויסזעהן פון דעם שוהל, "אין זה כי אם בית אלקים" - עס קען נישט זיין נאר ווייל עס איז א 'בית אלוקים', ווען יעדער פון ענק וויל לייגן אויפן צווייטן דעם אחריות אויפן איבערבוי, אזוי ווי חז"ל זאגן (עירובין ג א): "קדירא דבי שותפי לא חמימא ולא קרירא", וואס ד.מ. אז א טאפ פון שותפים איז נישט הייס און נישט קאלט - וועגן דעם איז ענקער שוהל אזוי נאכגעלאזט.

'שער בת רבים'

## א תפילה אפגעהיטן צו ווערן פון לשון הרע

"אִם יִהְיֶה אֱלֹקִים עִמָּדִי וּשְׁמָרַנִי בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי הוֹלֵךְ" (כח כ)

דרש'ענען חז"ל (בראשית רבה ע ד): "'ושמרני' - און דו וועסט מיך אפהיטן פון לשון הרע".

דער 'חפץ חיים' האט דערציילט: "איך האב געהערט אויך א געוויסן גאון און צדיק פונעם פריערדיגן דור, אז ווען ער האט געדארפט רעדן מיט מענטשן איבער וועלטליכע זאכן, האט ער זיך געפירט צו בעהטן שטילערהייט פונעם אויבערשטן ער זאל אים אפהיטן פון לשון הרע".

זאגט דער חפץ חיים ווייטער: "און באמת מיר טרעפן עס שוין אין די תורה, ביי יעקב אבינו וואס האט געזאגט: "אם יהיה אלקים עמדי ושמרני בדרך הזה ...ווייל ער איז געגאנגען צו לבן דער גרויסער שווינדלער און פאפער... וועגן דעם זאגט ער 'בדרך הזה' דווקא ד.מ. אז ער גייט צו לבן... און אזעלעכע מענטשן ווי מיר דארפן שטענדיג דאווענען צום אויבערשטן אויף דעם".

'זכור למרים' פרק כו

## יעקב האט קלאר ארויס געזאגט וואס ער בעהט

"וְנָתַן לִי לֶחֶם לֶאֱכֹל וּבֶגֶד לִלְבֹּשׁ" (שם)

פארוואס האט ער געדארפט זאגן 'לחם **לאכול** ובגד **ללבוש**', ברויט **צו עסן** און א קלייד **אנצוטוהן**, עס וואלט ווען געגוג געווען ווען עס שטייט נאר 'ונתן לי לחם ובגד'?

ערקלערט דער ש"ך: עס זענען פארהאן אסאך וואס זיי האבן ברויט, אבער זיי קענען נישט הנאה האבן פון דעם, ווייל זיי ליידן אויף א געוויסע קראנקהייט, וועגן דעם האט יעקב געזאגט 'לחם לאכול' - אז דער אויבישטער זאל אים אויך געבן געזונט און אזוי וועט ער קענען עסן, און אויך ווען ער האט געבעהטן 'בגד ללבוש' האט ער געבעהטן אז ער זאל זיין געזונט און קענען ארויס גיין, אזוי וועט די קלייד צוניץ קומען.

## לאה האט שוין געדאווענט פריער

"וַיַּרְא ה' כִּי שְׂנוּאָה לֵאָה וַיִּפְתַּח אֶת רַחְמָהּ" (כט לא)

אין מדרש (תנחומא ויצא ד) ערקלערן חז"ל די כוונה פון די ווארט 'שנואה': "ווייל זי האט פיינט געהאט די מעשים פון עשו", טייטשט דער '**קדושת לוי**': עס איז באקאנט אז די אמהות זענען געווען קינדער-לאז ווייל דער אויבישטער האט געגלוסט צו זייערע תפילות (ראה יבמות סד א), אבער ביי לאה האט עס נישט אויסגעפעלט, ווייל אויך אן דעם האט זי שוין געוויינט און געדאווענט אלע אירע יונגע יארן זי זאל נישט אריינפאלן ביי עשו'ס טייל, און דאס איז די כוונה פון חז"ל: ווייל לאה האט שוין אסאך געדאווענט אז זי זאל נישט דארפן חתונה האבן מיט עשו, ווייל זי האט פיינט געהאט זיינע שלעכטע מעשים, האט זי שוין מער נישט געדארפט ליידן די צער פון צו זיין קינדער-לאז, נאר זי איז שנעל געהאלפן געווארן.

## די נאמען טוהט אויף

"הַפַּעַם אוֹדֶה אֶת ה' עַל כֵּן קָרְאָה שְׁמוֹ יְהוּדָה" (כט לה)

דער 'שפת אמת' האט דערציילט: "מיין פאטער זצ"ל האט מיר א נאמען געגעבן יהודה, צו לויבן אויף דעם וואס ער האט זיך ערהוילט פון זיין קראנקהייט, און איך זעה אין מיר אז א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט שפיר איך נישט קיין מידעקייט פון צו לויבן השי"ת".

'מאיר עיני הגולה' אות שלז

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## צו וועלעכע ברית לוינט זיך צו מטריח זיין

א גרויסע התרגשות האט געהערשט אינעם שטעטל, דער גדול הדור, דער אלטער סאכטשאבער גאון, דער בעל 'אבני נזר', גייט קומען באזוכן דעם שטעטל אויף א היסטארישער באזוך כדי צו זיין דער סנדק ביי די ברית מילה פונעם קינד פון ר' פישל דער שמיד, א איינפאכער און א ארימער דארפסמאן וואס האט זוכה געווען צו א זוהן נאך אסאך יארן פון ווארטן.

אסאך יארן האט ר' פישל מיט זיין פרוי געווארט אויף די מינוט ווען זיי וועלן זוכה זיין צו קענען האלטן אין זייערע הענט א אייגן קינד, אין לויף פון די אלע יארן האבן זיי פראבירט יעדע מעגליכע סגולה, אויסגעגעבן פון זייערע געלט אסאך מער פון וויפיל זיי האבן פארמאגט, ארום געגאנגען צו די צדיקי הדור און געבעהטן א ברכה, זיי האבן אנגענומען זייער ווערטער און געטוהן אסאך גוטע מעשים און צדקה וחסד, אבער דער הויפט זאך - זיי האבן נישט אויפגעהערט איין מינוט פון צו דאווענען!

זייערע נאנטע פאמיליע מיטגלידער האבן שוין געשאקלט זייער קאפ פאר'יאוש'ט, דאס אויסזעהן פון די געזיכט פון די דאקטורים האט זיי נישט דערציילט קיין גוט'ס, אבער ר' פישל און זיין פרוי האבן זיך נישט מייאש געווען. זיי האבן נישט אויפגעהערט צו פארגיסן טרערן ווי וואסער ביי זייערע אלע תפילות מיט א געבעהט פונעם אויבערשטער ער זאל זיי שענקען א זוהן.

פופצן יאר פון ווייטאג און האפענונג זענען שנעל דורך געפלויגן, און ווען די געוואונטשענע מינוט איז פלוצלינג אנגעקומען איז נישט געווען קיין גרעניץ צו זייער גליק. א געזונטער קינד האבן זיי געהאלטן אין זייערע ציטערדיגע הענט, זייער הארץ איז ארויס פון איבערגענומענקייט און זייער מויל האט נישט אויפגעהערט פון צו לויבן דעם אויבערשטן - וואס ער אליין האט די שליסל פון געבוירן - אויף די גוט'ס וואס ער האט זיי געשאנקען.

עטליכע טעג נאכן געבוירן, האט דער פרישער טאטע זיך ארויס געלאזט אויפן וועג קיין סאכטשאב, וואס איז באקאנט געווען אין זכות פון דעם צדיק וואס איז דארט געווען דער רב, דאס איז געווען דער באקאנטער גאון, רבי אברהם בערנשטיין וואס איז פאר אלעמען באקאנט אלץ דער 'אבני נזר'.

דער דארפסמאן האט אים געוואלט מכבד זיין צו זיין דער סנדק ביי די ברית.

זיינע נאנטע וואס האבן געהערט פון דעם האבן זיי אים פראבירט אפרעדן פון דעם געדאנק, עס איז געווען באקאנט אז אין די לעצטערע יארן גייט דער אבני נזר זייער ווייניג ארויס צו געשעהנישן, אויך ווען די נאנטע חסידים האבן אים גערופן, און אוודאי אז ער וועט נישט קומען זיך באטייליגן ביי א ברית פון א איינפאכער און אומבאקאנטער איד...

פון דעסוועגן האט דער דארפסמאן באשלאסן צו פראבירן. ער האט זיך ארויס געלאזט אויפן וועג פול מיט האפענונג, און טאקע אזוי, דאס קומען איז נישט געווען אומזינסט. ווען ער איז אנגעקומען צום שטוב פונעם אבני נזר, האט ער דערציילט דעם נס וואס האט מיט אים פאסירט, און ער האט איינגעלאדנט דעם רבי'ן זאל זיין דער סנדק ביים ברית, אלע אנוועזנדע האבן זיך געוואונדערט צו הערן אז דער רבי האט עס יא אנגענומען. ער האט זיך נאכגעפרעגט אויף די פלאץ און די צייט ווען די ברית דארף פארקומען און האט באפוילן פאר זיין גבאי זיך גרייטן אויף די נסיעה.

די קלאנג אויף די אויסערגעווענליכע צושטימונג פונעם רבי'ן האט זיך שנעל צושפרייט, אלע האבן געשמועסט מיט וואונדער אויף דעם אויסטערלישן באזוך וואס וועט פארקומען דעם קומענדיגן מיטוואך.

אסאך און אינטערסאנטע ערקלערונגען האבן זיך געדרייט אין די גאסן, עס זענען געווען אזעלעכע וואס האבן גע'טענה'ט אז שוין א צייט צוריק האבן זיי שוין א פארדאכט אז דער ר' פישל איז א צדיק נסתר, און אלץ א ראיה צו דעם האבן זיי אנגעוויזן אויף זיינע ערליכע תפילות וואס ער פלעגט פארגיסן יעדן טאג אין שוהל; עס זענען געווען אזעלעכע וואס האבן דערמאנט אלטע זכרונות פון אמאל, וואס האבן געקענט ווייזן אויף א נאנטע משפחה פארבינדונג צווישן די משפחה פונעם רבי'ן צו די משפחה פון ר' פישל, און עס אויך געווען אזעלעכע וואס האבן גע'טענה'ט אז דאס קומען צום ברית איז נישט די אמת'דיגע סיבה, נאר עפעס באהאלט זיך אונטער דעם.

זאל זיין די סיבה וואס עס איז, אין דעם טאג פון דער ברית איז אנגעקומען די פראכטפולע וואגן פונעם רבי'ן אין די טויערן פונעם שטעטל, די קינדער פון ת"ת זענען ארויס מקבל פנים מיט פענדלעך אין די הענט, און די שוהל וואו דארט האט געדארפט פארקומען די ברית האט געטומלט פון מאסן מענטשן.

א קורצע צייט איז דער רבי געווען אינעם שטעטל, די ברית האט מען אפגעראכטן ווען דער רבי איז געווען דער סנדק, ער האט זייער ווארעם געוואונטשן דעם קינד מיט זיינע עלטערן, און פארן זיך געזעגענען פון די שטאט האבן אסאך איינוואוינער אנגעיאגט אריבער גיין און געבן שלום.

דער באזוך וואס האט זיך שנעל געענדיגט האט איבער געלאזט א פראגע אן קיין ענטפער, וואס דאס האט צוגעברענגט אז די נאנטע האבן זיך דערוואגט צו פרעגן און זיך אינטערעסירן: וואס האט צוגעברענגט דעם רבי'ן זאל זיך מטריח זיין וועגן א איינפאכער און א אום באקאנטער איד'ל.

די ענטפער וואס זיי האבן באקומען איז געווען נישט ווייניגער אינטערסאנט: דער איינפאכער דערפסמאן - האט דער רבי געזאגט - האט מיך באצויבערט מיט זיין פשוט'ע אמונה; אין לויף פון די אלע יארן וואס ער האט געווארט געהאלפן צו ווערן האט ער זיכער זוכה געווען צו באקומען ברכות פון גדולי ישראל און פראבירן אסאך סגולות, אבער ווען ער האט ענדליך זוכה געווען צו די ישועה האט ער מיר געזאגט מיט א תמימות: 'רבי, נאך פופצן יאר פון מיין חתונה האב איך זוכה געווען אז דער אויבישטער מיט זיין גרויסע רחמנות האט מיר געשאנקען א בן זכר, יעצט בין איך זוכה אים אריינברענגען בבריתו של אברהם אבינו און איך בעהט פון אייך איר זאלט אננעמען דעם כיבוד פון סנדקאות'.

ווען איך האב געהערט זיינע ווערטער האב איך באשלאסן צו גיין. זיין אמת'דיגע אמונה האט מיך באצויבערט, ווייל שוין א לאנגע צייט האב איך נישט זוכה געווען צו הערן - אויך פון די חשוב'ע חסידים און בני תורה - אז דער אויבישטער האט זיי געהאלפן. איינער האט אנגעהאנגען זיין ישועה אין די ברכה וואס ער האט באקומען פון דעם רבי'ן, און דער אנדערער אין א סגולה וואס ער האט באקומען פון יענעם רבי; יעצט איז געקומען פישל דער שמיד און האט קלאר אויסגערופן אז דער אויבישטער האט אים געהאלפן.

לכבוד דעם מקדש שם שמים דארף איך גיין!

'יגדיל תורה'

עיצובים shay